# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח' | פרשת ויחי | שנת תשע"ב

**ויקרבו ימי ישראל למות:** די גמרא זאגט אין מס' תענית (דף ה' ע"ב) **יעקב אבינו לא מת,** אז יעקב אבינו איז נישט געשטארבן, לכאורה דא פון פסוק איז משמע אז ער איז דאך יא געשטארבן.

ענטפערט דער **כתב סופר זי"ע** אז חכמינו ז"ל זאגן אז ווען איינער גייט אוועק פון די וועלט און ער לאזט איבער א קינד וואס איז אזוי גרויס ווי ער, איז דאס גערעכנט כאילו ער איז נישט געשטארבן.

דא האט יעקב אבינו איבערגעלאזט יוסף הצדיק וואס ער האט מיט אים געהאט געלערנט אלעס וואס ער האט מקבל געווען פון שם ועבר, דעריבער ווערט דאס נישט גערעכנט פאר יעקב אבינו ווי ער איז געשטארבן.

דער **אור החיים הק'** זאגט אז **יעקב** צייגט אויף א שוואכערע מדריגה, און **ישראל** ווייזט אויף א העכערע מדריגה. מילא קען זיין אז יוסף איז אנגעקומען צו די מדריגה פון יעקב אבינו, אבער נישט צו די מדריגה פון ישראל.

דאס זאגט דער פסוק **ויקרבו ימי ישראל למות,** עס איז געקומען די צייט וואס די מדריגה פון ישראל איז געשטארבן, ווייל אין די מדריגה פון ישראל איז געווען לא הניח בן כמותו, משא"כ **יעקב אבינו לא מת,** ווייל אין די מדריגה פון יעקב אבינו איז טאקע יוסף הצדיק יא געווען אזוי גרויס.

*

**ועתה אל תראו אנכי אכלכל אתכם ואת טפכם:** במדרש אמר לו הקב"ה ליוסף אתה אמרת לאחיך **אנכי אכלכל אתכם, בזכותך הם עושים פסח שני,** לכאורה דארף מען פארשטיין וואס פארא שייכות האט דאס מיט פסח שני.

ענטפערט דער **אסטראווצער גאון זצ"ל** אז די גמרא זאגט אין מס' בבא בתרא (דף י' ע"א) אז דאס וואס אידישע קינדער מעגן געבן צדקה פאר ארימעלייט, און איך זאג נישט אז דער אייבערשטער וויל דוקא אז יענער זאל זיין ארים און מ'טאר אים נישט העלפן, ווייל אידן האבן א דין **בנים למקום,** און ווען א טאטע זעהט אז איינער העלפט זיין זון, אפילו ער איז ברוגז אויפן קינד, וועט ער געבן א מתנה פאר דעם מענטש וואס העלפט זיין זון ווייל דאס איז פאר אים א נחת רוח אז מ'העלפט זיין קינד, און דאס איז די סיבה אז אידן געבן צדקה ארויסצוהעלפן די ארימע אידן, ווייל יעדער איד איז ווי א קינד פון כביכול.

עס שטייט אין **ספה"ק** אז ווען איינער דינט השי"ת כדי לקבל פרס, דאס מיינט אז ער דינט **מיראה** איז ער אין א בחינה פון א **עבד,** משא"כ ווער עס דינט שלא עמלק"פ איז דאס אן עבודה **מאהבה** איז אין א בחינה פון א **בן,** וואס א זון זוכט אלעמאל וואס ער קען טון מער כדי צופרידנשטעלן און מאכן א נחת רוח פארן טאטן.

די הלכה פון **פסח שני** איז דאך געווען ווייל די אידן וואס זענען געווען טמא האבן גע'טענה'עט למה נגרע ווייל זיי האבן געוואלט מאכן דעם קרבן פסח, דאס איז א בחינה פון **עבודה מאהבה** ווען א קינד וויל טון דעם רצון פון טאטן און ער זוכט זיך מחייב צו זיין. משא"כ א עבד זוכט נישט צו טון מער וויפיל דער הער בעט פון אים.

דאס זאגט דער מדרש, **בזכות שאמר יוסף אנכי אכלכל אתכם,** און ער האט זיי געגעבן צדקה זע איך אז זיי האבן א דין בנים למקום, **זכו בניו לפסח שני** וואס ווייזט אויך אויף די בחינה פון עבודה מאהבה וואס ווייזט אז אידן האבן א דין בנים למקום.

## בך יברך ישראל

דער הייליגער **אגרא דכלה** זאגט א טעם פארוואס האט ער געזאגט דוקא מנשה און אפרים און נישט אנדערע שבטים, ווייל דער עיקר פון די תורה איז אז קיינער זאל זיך נישט האלטן גרעסער פון זיין חבר, און נישט מקנא זיין דעם חבר. מילא ווען יעקב אבינו האט געזעהן אז אפילו ער האט מקדים געווען אפרים פאר מנשה האט זיך אפרים נישט געהאלטן גרעסער פון מנשה, און מנשה האט נישט מקנא געווען אפרים, האט ער געוואונטשן **בך יברך ישראל,** אזוי זאל זיין ביי אלע אידישע קינדער אז זיי זאלן האבן די צוויי הייליגע מידות **ישימך אלקים כאפרים** וואס האלט זיך נישט גרעסער, **וכמנשה,** וואס איז נישט מקנא.

משא"כ ביי די אנדערע שבטים שטייט דאך **ויקנאו בו אחיו** אז זיי האבן געהאט קנאה אויף יוסף הצדיק.

# אוצר הידיעות

## שאול בן הכנענית

ווער איז דאס געווען?

רש"י זאגט די פאריגע וואכעדיגע סדרה אז **שאול בן הכנענית** איז געווען דער זון פון דינה וואס זי האט געוואוינט מיט א כנעני.

אין מס' סנהדרין זאגט די גמרא (דף פ"ב ע"ב) אז **זמרי בן סלוא** איז געווען **שאול בן הכנענית**, און דאס איז אויך **שלומיאל בן צורישדי**. קומט אויס אז זמרי בן סלוא איז געווען א אייניקל פון יעקב אבינו, צווישן די יורדי מצרים.

דער **מהרש"א** רעכנט אויס לויט דעם אז ער האט געמוזט אלט זיין 250 יאר, ווייל אין מצרים זענען אידן געווען 210 יאר, און ביי די מעשה מיט די בנות מואב האט מען שוין געהאלטן נאך ארום 40 יאר אין מדבר, איז ער שוין געווען כאטש נאנט צו 250 יאר, אזוי אז ער איז געווען דער זקן הדור.

איז **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** מחדש אז ווען יעקב אבינו האט גוזאגט פאר שמעון ולוי **בסודם אל תבא נפשי**, איז זיין אייניקל **זמרי** דארט געשטאנען, און ער האט געהערט ווי אזוי יעקב אבינו רעדט פון זיין פרשה מיט איבער 200 יאר שפעטער.

ווען דעם האט יעקב אבינו נישט געוואלט רעדן בפניו פון זיין פרשה, האט **ער** גוזאגט ברמז **בסודם אל תבא נפשי**, אזוי האט מען בשעת מעשה נישט פארשטאנען וואס ער מיינט. משא"כ קרח איז נאך דעמאלטס נישט געווען אויף די וועלט, וועגן דעם האט ער דאס יא גוזאגט קלאר. און מהאי טעמא טאקע שטייט קודם די מעשה פון זמרי און נאכדעם די מעשה פון קרח, ווייל זמרי איז געווען פריער און ער איז דארט געשטאנען.

# אוצר רבותינו

## וירא מנוחה כי טוב

ווען **הרה"ק רבי איציקל וואורקער זי"ע** איז געווען א אינגערמאן איז ער געקומען צום **רבי'ן פון לובלין זי"ע**, ער איז געווען דעמאלטס א עושר. אריינגייענדיג צום חוזה רופט ער זיך אן "אויב מ'טראגט דיר אן א מלמדות וואלט נישט געשאדט אז דו זאלסט עס אננעמען".

ער האט געטראכט אז דער רבי האט זיך טועה געווען ער האט אוודאי געמיינט א צווייטן ווייל ער איז דאך געווען א ביזנעסמאן.

נאך אים איז אריין א דארפסמאן וואס האט זיך אויסגעוויינט פארן רבי'ן אז זיינע קינדער האבן פארשטאפטע קעפ און פארשטייען נישט קיין לערנען, און ער איז גרייט אוועק צו געבן זיין גאנצע פארמעגן אז זיינע קינדער זאלן קענען לערנען.

זאגט אים דער **חוזה** "אויב וועסטו באצאלן פארן מלמד פערציג רענדלעך, קענסטו נעמען דעם אינגערמאן וואס איז יעצט ארויסגעגאנגען אז ער זאל לערנען מיט דיינע קינדער, און זיי וועלן מצליח זיין".

ער איז נאכגעלאפן **רבי איציקל** און ער האט אים דערציילט וואס דער רבי האט גוזאגט, האט ער פארשטאנען אז דער רבי האט זיך נישט טועה געווען, און ער וויל אז ער זאל ווערן א מלמד. האט ער געשריבן א בריוו פאר זיין ווייב איבער דעם, און זי האט צוריק געשריבן אז עס איז טאקע זייער גוט אז ער האט געטראפן א פרנסה ווייל די פראנצויזישע סאלדאטן זענען דורכגעגאנגען די שטאט אויפן וועג צו א מלחמה מיט רוסלאנד, און זיי האבן בארויבט דאס הויז און נישט איבערגעלאזט גארנישט.

ער האט אנגעהויבן צו לערנען מיט די קינדער, אבער זיי האבן נישט פארשטאנען קיין איין ווארט חומש.

איז ער געפארן צום רבי'ן קיין **לובלין** און דערציילט וואס דא גייט פאר. האט דער רבי גוזאגט "דעמאלטס זיי מתפלל אויף זיי". און ער האט טאקע מתפלל געווען און עס האט געהאלפן, די קינדער האבן אנגעהויבן זייער שטארק מצליח זיין אין תורה.

איינמאל האט זיך געמאכט א מחלוקה צווישן די דארפסלייט און איינער איז געווארן צוקריגט מיט זיין חבר, און ער האט נישט געוואלט קומען אין ביהמ"ד צום דאווענען. האט אים א צווייטער דארפסמאן מוסר גוזאגט מיטן פסוק **וירא מנוחה כי טוב**, טייטשענדיג **וירא**, אויב עס געפעלט דיר, **מנוחה כי טוב**, אז דו ווילסט האבן מנוחה, **ויט שכמו לסבול**, דארף מען גרייט זיין צו ליידן בזיונות, ווייל דער וואס ליידט און איז נישט אין כעס אויף די וואס טשעפענען מיט אים דער האט מנוחה.

ווען דער זמן האט זיך געענדיגט האט **רבי איציקל** געוואלט אהיימגיין, אבער דער דארפסמאן האט געוואלט אז ער זאל דארט בלייבן, האט רבי איציקל גוזאגט "איך בין אהערגעקומען ווייל דער רבי האט געהייסן, ממילא מוז איך הערן וואס דער רבי זאגט יעצט צי איך זאל נאך בלייבן".

ווען ער איז געקומען צום רבי'ן מיט די שאלה, זאגט אים דער רבי "זאג מיר א תורה וואס דו האסט געהערט דארט אין דארף", ער האט זיך אבער נישט געקענט עפעס דערמאנען, דער רבי איז נישט געווען צופרידן "דו ביסט דארט געווען א האלב יאר און דו האסט גארנישט געהערט? ביז ווען ער האט זיך דערמאנט דאס ווארט פון יענעם דארפסמאן, און ער האט דאס איבערגעזאגט פארן רבי'ן.

האט אים דער רבי גוזאגט "אויב אזוי, האסטו דאך אסאך געהערט"...

האט רבי איציקל אויסגעפירט דערציילנדיג די מעשה "לויט די תורה ארבעט איך יעצט אנצוקומען צו מדריגות"...

ער האט אוועק געגעבן דאס געלט וואס ער האט באקומען פאר שכר לימוד און ער איז אהיימגעקומען, דארט האט ער צוריק באקומען דאס עשירות. אלעס האט זיך געפירט אזוי מן השמים אז ער זאל הערן דאס הייליג ווארט און מיט דעם קענען נתעלה ווערן.

# יגעת ומצאת

שטייענדיג ביים ענדע פון סדר בראשית, וועלן מיר לערנען אינעם "יגעת ומצאת" אן איבערבליק אויף די השתלשלות הדורות פון בריאת העולם, ביז צו די פטירה פון די י"ב שבטי קה.

וויפיל יאר האט גענומען:

**פון בריאת העולם ביז מתושלח איז געשטארבן? ־ פון ווען נח האט געבוירן קינדער ביז אברהם אבינו איז ארויסגעגאנגען פון חרן? ־ פון לך לך מארצך ביז אברהם האט זיך גע'מל'עט? ־ פון וירא אליו ה' ביז רבקה איז געבוירן געווארן? ־ פון ויהיו חיי שרה ביז ישמעאל איז געשטארבן? ־ פון ואלה תולדות יצחק ביז יעקב אנטלויפט פון עשו? ־ פון ויצא יעקב ביז יעקב גייט אוועק פון לבן? ־ פון וישלח יעקב מלאכים ביז די הסתלקות פון יצחק אבינו? ־ פון מ'פארקויפט יוסף ביז דער שר המשקים גייט ארויס פון תפיסה? ־ פון פרעה חלום'ט ביז יוסף וויל נעמען בנימין פאר א עבד? ־ פון ויגש אליו יהודהביז די שבטים האבן געוואוינט אין גושן? ־ פון די פטירה פון יעקב אבינו ביז די פטירה פון יוסף הצדיק?**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ט')....

**טוטו"ד, טו"מ, טו"ת, ט"ק, ט"ס, טושו"ע, טו"ז, ט"ב,**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' ויגש

**א.** שינאווער רב, רבי יחזקאל שרגא בנו בכורו של הדברי חיים מצאנז, בעמח"ס דברי חיים, נפ' כ"ה ניסן תרל"ו.

ב. נולד כ' שבט תקע"ו, נפטר ו' טבת תרנ"ט, בן פ"ג שנים.

ג. חתן הארי' דבי עילאי, חתן הישמח משה זי"ע, בזו"ש חתן הה"צ ר' מרדכי מהאלאשיץ, חתן האדב"ע, בזו' שלישי חתן הה"ק רבי יודא צבי מראזלא, חתן העטרת צבי זי"ע, בזו' רביעי חתן רבי הערש מלעשנוב ז"ל, בזו' חמישי חתן רבי אברהם געווירצמאן מגארליץ.

ד. שימש ברבנות בראזלא, סטראפקוב, צאנז, שינאווע.

ה. אחיו הק': הה"ק ר' ברוך מגארליץ, ר' דוד קישאנוב, רבי מאיר נתן, ר' אהרן מקרייז , ר' שלום אליעזר מראצפערט, ר' ישעי' מטשעחויב.

ו. בניו הק': ר' נפתלי, ר' משה משינאווע, ר' אברהם שלו' מסטראפקוב, ר' לייבוש מטארנא, ר' שמחה ישכר בער מציעשנוב.

## תי' על ראשי תיבות

**חו"ל: חוץ לארץ – ח"ו: חס ושלום– חדב"נ: חתנא דבי נשיאה- חוב"ט: חריף ובקי טובא- חתי"ק: חתימת יד קדשו- חו"מ: חושן משפט - חוהמ"פ: חול המועד פסח- חכ"א: חכם אחד- חז"ל: חכמינו ז"ל - ח"ק: חברה קדישא**